

# ירידת הדורות

## דער מושג, די מקורות, און דער באדייט

### חלק ג: די אנטוויקלונג פון חכמה

יצחק לאווי

## אריינפיר - מענטשן אדער חכמה

כמעט די אלע פארשידענע געדאנקען וואס מיר האבן ביז אהער געזען אונטער דעם רובריק פון 'ירידת הדורות', האבן איין זאך אינאיינעם. זיי אלע רעדן וועגן די מענטשן שבכל דור ודור, און פרעגן אויב דער מענטש איז שוואכער אדער בעסער געווארן במשך דער צייט. צי ווערט ער פיזיש שטערקער אדער שוואכער, אדער גייסטיש אדער עמאציאנאל שוואכער, אדער ווערט ער קליגער אדער נארישער, אדער פרימער אדער ווייניגער פרום, אדער ווערט ער שוואכער אין כוחות רוחניות ווי נבואה אדער רוח הקודש.

מיר דארפן אבער שטארק מחלק זיין צווישן די פראגעס און די שאלה טאמער די חכמה זעלבסט ווערט בעסער אדער שוואכער, מער פארגעשריטן אדער ווייניגער פארגעשריטן. עס קען דאך אוודאי זיין אז א מענטש זאל זיין שוואכער פון א צווייטן מענטש, און טראץ דעם זאל ער קענען לערנען א חכמה וואס איז בעסער און מער פארגעשריטן פון דאס וואס דער קלוגערער האט געלערנט, פשוט ווייל די חכמה וואס ער לערנט האט זיך פארבעסערט אינצווישן. מען קען אויך קלערן פארקערט, א מענטש זאל זיין בעסער און טראץ דעם זאל זיין חכמה זיין שוואכער, וויבאלד עס איז פארגעסן געווארן די חכמה.

וועלן מיר קודם כל ברענגען די שיטות וואס איך האב געטראפן וואס רעדן טאקע קלאר פון דער שאלה פון דער חכמה זעלבסט, און דערנאך ברענגען די וואס זענען טאקע בפירוש מחלק און זאגן אז די חכמה איז בעסער געווארן הגם דער מענטש איז שוואכער געווארן, און פראבירן מסביר זיין יעדער שיטה דבר דבור על אופנו.

## דרשות הר"ן: די חכמה ווערט שוואכער

מיר האבן שוין געברענגט אין חלק א' אז ביי די קדמונים איז געווען אנגענומען אזא מושג אז אלע חכמות זענען חכמות מקובלות און נישט חכמות מחודשות. דאס הייסט אז די אלע

חכמות וואס מיר האבן זענען נישט אזוינע זאכן וואס מען איז חוקר און מען לערנט כסדר און מען איז מברר, נאר אלע חכמות האט למשל אדם הראשון מקבל געווען פון דעם אויבערשטן אדער די מלאכים, און האט זיי איבערגעגעבן ווייטער.

טאמער טראכט מען אזוי, לאזט זיך פארשטיין אז אפילו טאמער זאל איינער אין א שפעטערדיגן דור זיין א גרעסערער חכם אדער צדיק, איז די חכמה וואס ער באקומט נאכאלץ אזוויאזוי מען שפילט 'צעבראכענע טעלעפאן', וויבאלד יעדער דור וואס גייט אריבער קומט צו נאך א קייט אין דער שרשרת המסורה פון דער חכמה, און יעדעס מאל קען צוקומען א שטיקל שכחה, אדער צעמישעניש, וכדומה. דער שפעטערדיגער איז אפילו נישט שולדיג אין דעם, ער קען זיין דער גרעסטער צדיק אדער חכם, בלייבט נאכאלץ דער פאקט אז די חכמה וואס ער איז מקבל איז שוין נישט די זעלבע וואס דער ערשטער אין דער קייט האט באקומען.

אזוי טרעפן מיר טאקע שרייבט בפירוש דער דרשות הר"ן (דרשה ח), וזה לשונו:

וזאת אצלי הסבה החזקה בהתמעט הנבואה והחכמה דור אחר דור, והעידו עליו חז"ל בעירובין נ"ג, לבן של ראשונים כפתחו של אולם, אם הראשונים כמלאכים אנו בני איש וכו'.

כי ממשה רבינו ע"ה עד עכשיו כל הנביאים והחכמים זה אחר זה כדמות עלול ועלולים, וכמו שיתרחקו מהסבה הראשונה תתמעט מעלתם, כן הענין בחכמים ובנביאים. כי משה רבינו היה עלול בחכמה ובנבואה מהעילה הראשונה, כמו שהעיד פה אל פה אדבר בו, ומפני זה קבל שני השפעים בשלימותם, ויהושע קבלם באמצעות משה, והנביאים באמצעות יהושע כמו שאמרו רז"ל משה קיבל תורה מסיני וכו', וזה שאמר הכתוב ולא קם נביא עוד בישראל וגו'.

והנה השי"ת לא ימנע טוב להולכים בתמים, אבל זה הענין מחוייב כמו שהוא מתחייב שהמדרגה התחתונה של המלאכים לא תהיה בעוצם השלימות כמו המדרגה הראשונה.

דער ר"ן רעדט דארט ארום דעם ענין, אביסל טיפער און מער יסודות'דיג. ער איז מסביר א פילאזאפישער געדאנק אז דער סדר המציאות איז אז יעדער עלול – דהיינו די זאך וואס קומט ארויס פון א צווייטער זאך, מוז בטבעו זיין שוואכער במדרגתו פון דער עילה – דהיינו דער משפיע וואס האט איר געמאכט. ווי למשל, אז דער ערשטער מלאך וואס דער אויבערשטער אליין האט געמאכט איז אויף א געוואלדיגער מדרגה פון שלימות, אבער דער מלאך - וואס ער רופט אויך שכל - וואס קומט שוין ארויס פון אים איז ווייניגער, וויבאלד ער איז נאך א טרעפל אפגערוקט פון דעם בורא.

דאס זעלבע, איז דער ר"ן מסביר, איז בהכרח אז משה רבינו, וואס ער האט מקבל געווען זיין חכמה גלייך פה אל פה פון באשעפער, איז דאס געווען מיט א געוואלדיגער שלימות. אבער די דורות שפעטער, ווי מער טרעפלעך עס טרעפט זיך אין דער קייט צווישן זיי און דער באשעפער, איז בהכרח זייער חכמה שוואכער. און ווי ער זאגט, אפילו אז "השי"ת לא ימנע טוב להולכים בתמים," דאס הייסט עס איז נישט זייער שולד, די אחרונים קענען זיין פונקט אזוינע צדיקים מצד מדרגת נפשם, איז דער ענין א הכרח פון דרך הטבע אז דער שפעטערדיגע רינג אין קייט איז שוואכער.

## דער חילוק פון תורה און חכמת הטבע

דער ר"ן רעדט לכאורה נאר פון חכמת התורה, וואס איז טאקע במציאות א קייט פון משה רבינו, און עס פאסט אויף דעם צו זאגען או די סברא. וואס איז אבער וועגן אנדערע חכמות, ווי למשל חכמת הרפואה אדער חכמת הפיזיק, זאגט ער נישט וואס ער טראכט וועגן זיי. אמאל האט מען אפשר אין רוב וועלט אויך געטראכט אז די חכמות הטבע, זענען געווען מערסטנס באוואוסט ביי די קדמונים און ווי שפעטער עס ווערט ווערט די ידיעה שוואכער. אין שפעטערדיגע דורות אבער, בעיקר זייט דער תקופה וואס מען רופט די "וויסנשאפטליכע רעוואלוציע", איז געווארן



אנגענומען ביי דער וועלט אז די ידיעה אין חכמות הטבע ווערט אלץ בעסער און בעסער, און אז אונזער פארשטאנד פון וויאזוי די וועלט ארבעט ווערט אלץ בעסער און בעסער מיט דער צייט, ווי מען קען בעסער מברר זיין טעותים וואס פריערדיגע האבן געמאכט, און ברענגען ראיות און באווייזונגען פון די מציאות וויאזוי עס ארבעט אלץ. דערפאר פארשטייט מען שוין בעסער דעם אמת ווי שפעטער עס איז. הגם קיין שום ידיעה אונזערע איז נאכנישט מושלם, פארשטייט מען אז עס ווערט אלץ בעסער און בעסער. ווי אויך דער טעכניק וואס מענטשן טרעפן אויס וויאזוי זיך צו באנוצן מיט דער וועלט און אויסנוצן די כוחות הטבע צו זייער בענעפיט ווערט לכאורה אלץ בעסער און בעסער, ביז אז היינט האבן מיר טעכנאלאגיע וואס די קדמונים וואלטן זיך נישט אפילו גע'חלומ'ט.

דער פאקט אז די ידיעה אין חכמת הטבע ווערט שוואכער איז אן אנגענומענער על פי רוב אפילו ביי די פרומסטע חרדים שלומי אמוני ישראל. און אפילו די גרעסטער מחזיקים פון דער ירידת הדורות טעזע זענען רובא דרובא מסכים צו דעם פאקט. אזש דער מלבי"ם טייטשט דאס גאר אריין אין א פסוק, "דור לדור ישבח מעשיך", טייטשט דער מלבי"ם אין תהלים אויפ'ן ארט (תהלים קמה, ד), אז יעדער דור פארשטייט בעסער די מעשים פונעם אויבערשטן, ביז אז יעדער דור זאגט אז דער פריערדיגער דור האט גארנישט פארשטאנען די מעשים פון השי"ת, דהיינו די מציאות הטבע. און דאס איז דער שבח פון חכמות הבורא ווי יעדער דור פארשטיין מיר גאר בעסער און טיפער די חכמות הטבע וואס דער אויבערשטער האט באשאפן. דאס זעלבע טרעפן מיר אנדערע אחרונים וואס פרעגן טאקע די קשיא, היתכן אז די חכמות חיצוניות ווערן אלץ בעסער און בעסער בעוד אין חכמת התורה איז דא ירידת הדורות, און זענען מסביר א חילוק לפי דרכם.[1]

מיר פארשטיין אז די אבזערוואציע פאר זיך ווארפט נאכנישט בהכרה אף די ירידת החכמה טעזע, וויבאלד מען קען נאכאלץ מחלק זיין צווישן חכמות ווי הכמת התורה וואס זענען טאקע א קבלה איש מפי איש, ביז חכמת הטבע וואס איז א הבנה אין דער מציאות וואס ווערט אלס בעסער. דאך ווארפט עס א גרויסער שאטן אויף דעם גאנצן ענין, וויבאלד דער מושכל ראשון לגבי חכמה איז באופן כללי שוין נישט אז עס ווערט שוואכער נאר ממש פארקערט. און ברגע וואס דער מושכל ראשון ווען א מענטש טראכט וועגן חכמת הדורות איז דייקא אז עס ווערט בעסער און בעסער פון דור צו דור, פאדערט עס שוין אן עקסטער חידוש אויפצוטון אז ניין, עס איז גאר דא א ירידת הדורות. אין אנדערע ווערטער איז וויכטיג צו פארשטיין אז דער עצם זאך אז דאס איז א קשיא וואס מען קען אפשר מדחה זיין איז שוין אליין א ריזיגע שינוי אין דעם וועג וואס מיר טראכטן היינט וועגן דעם סדר הדורות און דער וועג וואס מען האט געטראכט אמאל. דארט וואו אמאל בזמן הראשונים האט א נארמאלער חכם אפילו מחכמי האומות געטראכט אז בפשטות איז די חכמה שוואכער געווארן, און האט געבויט זיין גאנצע חכמה אויף די מסורת פון די פריערדיגע

1) איך האב געהערט נאכזאגן פון תפארת ישראל.
הרב דעסלער אין "מכתב מאליהו" (חלק ה עמוד רעג) זאגט אז 'שוטים' פרעגן די קשיא, און ער פארענטפערט אז היא הנותנת, ווי מער דער רוחניות ווערט שוואכער ווערט דער גשמיות און חכמות גשמיות שטערקער. נאך א זאך זעט ער דייקא יא א מעלה אין דער אנטוויקלונג פון חכמת הטבע וואס אין דעם זעט מען טאקע חכמת הבורא, און דאס ווייזט קלארער פאר די שוואכערע דורות די חכמה פון כביכול.

חכמים, טראכט הײנט דער חכם פונקט קאפויער, אז די קדמונים, וויפיל הערכה ער זאל נאר האבן צו זיי, האבן קנאפ פארשטאנען, און אז מיר פארשטיין הײנט פיל פיל בעסער.

דער שאטן וואס דאס ווארפט איז אזוי שטארק, אז מיר טרעפן טאקע ווי רבי דוד ניטו (דער ליוורנו רב און א גאר באוואוסטער דרשן און דענקער בימיו, וועמען דער חכם צבי באטיטלט אין א באוואוסטער תשובה "החכם המרומם ונעלה"), אין זיין ספר 'כוזרי שני' (א ספר על דרך הכוזרי געבויט מיט שאלות און תשובות 'אמר הכוזרי', 'אמר החכם' צו באווייזן דעם ענין פון תורה שבעל פה) ברענגט טאקע די קשיא און נעמט דאס אן צו זיין ריכטיג (וויכוח שני אות נז, נח):

*אמר הכוזרי: קשה לי במאוד מאוד להאמין שכל עוד שהעולם מתיישן והולך דעתן של בני האדם גם כן מתמעט והולך. וזהו דבר שאין הדעת סובלתו והנסיון מכחישו שהרי עינינו הרואות שבחכמי אומות העולם טובה ציפורנן של אחרונים מכריסם של ראשונים.*

אמר החבר: מיעוט הלב שאמרו על עצמם האחרונים אינו ממיעוט השכל אלא מרוב הצרות והגזירות והטרדות. אבל המקובלים יפרשו להיפך ואין לנו עכשיו עסק בנסתרות.

דער שטיקל איז א חלק פון א לענגערער שמועס וואו ער איז מסביר די אמונה בקבלה על דרך ווי מיר האבן מסביר געווען אין חלק ב' בדעת הרמב"ם, ועיין שם ווי ער צענעמט שיין פארשידענע מאמרי חז"ל וועגן ירידת הדורות און איז מסביר ענליך צו אסאך נקודות וואס מיר האבן אויסגעפירט. על כל פנים זעען מיר אז ער האט טאקע געהאלטן אז די עליית הדורות אין חכמת האומות איז מחייב אז מיר זאלן אזוי' לערנען אויך אין די חכמת התורה, און די אמונה בקבלת רז"ל איז נישט צוליב ווייל זיי זענען געווען קלוגער בעצם נאר ווייל זיי געבן איבער די תורה פון משה רבינו.

## חזון איש: אויך חכמת הטבע ווערט שוואכער

דא קענען מיר זיך נישט מתעלם זיין פון אחד המיוחד בדורות האחרונים, דער גרויסער חזון איש, וואס ווי מיר האבן שוין געזען אין די פריערדיגע חלקים איז ער געווען א פייערדיגער אנהענגער פון דער ירידת הדורות טעזע. אין זיין ספר 'אמונה ובטחון' איז ער מקדיש א גאנצן פרק (פרק ה') וועגן ירידת הדורות, און דער עיקר קשיא אויף וואס ער באציט זיך איז טאקע דאס. ווי מיר זעען בפועל אז די חכמות הטבע ווערן מער און מער פארגעשריטן.

דער חזון איז גארנישט נתפעל געווארן פון דער קשיא וואס אלע אנדערע נעמען אן פאר א פאקט, ער רופט אן די טענה בלויז א חלק פונעם דמיון וואס איז נישט געבויט אויף שכל. ער נעמט אויף זיך צו טענה'ן די שטוינענדע טענה אז ניין, די חכמת הטבע איז אויך געפאלן פון דער חכמה פון די פריערדיגע דורות. רוב פרק איז פארנומען מיט ברענגען פארשידענע ראיות פון דער גמרא און ספרי ראשונים וואו מען זעט לכאורה פארשידענע חכמות וואס זענען געווען בימים הקדמונים וואס זענען נישט באוואוסט הײנט.

די מעטאדע פון מוכיח זיין דעם מעמד פון וויסנשאפט אין אמאליגע צייטן דורך פראבירן אפצולערנען פארשידענע אנעקדאטן פון ספרי הלכה איז ביי מיר א מדרש פליאה, און עס איז שווער צו גלייבן אז אפילו דער חזון איש האט געטראכט אז דאס איז עפעס א ריכטיגע מעטאדע. ווארום אפילו ווען מיר זאלן אננעמען יעדע איינע פון די מעשיות וואס ער ברענגט כפשוטו ממש (און עס איז אפשר טאקע נישט אפגעפרעגט אז עס האט זיך געמאכט אמאל א דאקטאר מומחה מאד וואס האט געקענט מאכן אן אפעראציע וואס מיר פארשטיין נישט פונקט וויאזוי), שטייט דאס אלעס נישט אפילו אין פארגלייך קעגן דער אומלייקנבארער פאקט אז ביז פאר אפאר הונדערט יאר צוריק האט דער גרעסטער חכם שבעולם נישט אנגעהויבן צו פארשטיין וויאזוי די פשוט'סטע זאכן ארבעטן. א שטייגער ווי דער מושג פון באצילן ("דזשערמס"),

וויאזוי מחלות גייען אריבער פון איינעם צום צווייטן, וכו'. וואס ווען עס וואלט געווען אמת אז דורות הראשונים האבן דאס געוואוסט וואלט מען געקענט מונע זיין רוב גרויסע מגיפות אין זייערע צייטן גרינגערהייט. דאס זעלבע די פשוט'ע פאקטן וויאזוי צעלן ארבעטן, וויאזוי אטאמען ארבעטן, וכו' וכו'. אפנים איך וויס נישט וויאזוי א מענטש קען אננעמען די שיטת החזון איש כפשוטו, חוץ טאמער איז ער גאר אומוויסנד אדער אן עקסטרעמער קאנספיראציע טעאריע גלויביגער. אדרבה טאמער קען איינער אפילו צוברענגען איינער וואס איז מסביר דעם שווערן שטיקל חזון איש וועל איך אים מכיר טובה זיין.

דאס איז אלעס לגבי די ראיות פונעם חזון איש. איך וועל אבער מסכם זיין די עיקר סברות פון דעם חזון איש, וויאזוי ער איז מסביר דעם גדר פון דער ירידה, און וויאזוי עס איז געווארן (דאס איז אין אות ב' פון דעם פרק). די ערשטער זאך זאגט דער חזון איש, אז דאס וואס דער פאקט איז אז היינט קענען מיר זיך אסאך בעסער באנוצן מיט טעכנאלאגיע, וואס מיט דעם פאקט איז אפילו פאר אים נישט איינגעפאלן זיך צו דינגען, איז נישט מכריח אז היינט פארשטיין מיר בעסער וויאזוי די וועלט ארבעט. נאר עס קען זיין אז די קדמונים האבען אלץ פארשטאנען וויאזוי מען קען מאכן די אלע זאכן, נאר זיי האבן געהאלטן אז דער עיקר תכלית פון דעם מענטש איז זיין א חכם און עוסק זיין אין חכמה. און דאס וואס דורות האחרונים זענען בעיקר פארנומען מיט אויסנוצן די חכמות בפועל ממש מאכן מאשינען וכו', דאס איז דייקא א ירידה פון זיי אז זיי פארשטיין נישט אז דער עיקר תכלית איז די חכמה זעלבסט און נישט צו בויען זאכן מיט דער חכמה.

נאכמער פון דעם, טענה'ט דער חזון איש, עס קען זיין אז די דורות הראשונים האבן פארשטאנען אז דער שימוש פון די חכמות קען גאר ברענגען צו קלקולים, אז מענטשן וועלן נוצן די חכמות פאר שלעכטע מטרות ווי שפיכות דמים און עבודה זרה. ער ברענגט נישט דעם משל אבער האט דער חזון איש געטראכט פון אזא זאך ווי דער אטאם באמבע, און ער האט געהאלטן אז עס לייגט זיך אויפ'ן שכל אז עס זאל האבן געווען א חכם וואס האט פארשטאנען וויאזוי דאס צו מאכן, אבער האט זיך בכוונה מונע געווען דערפון וויסנדיג וואסארא חורבן עס קען מאכן. ער ברענגט די גמרא אין יומא וואס האט משבח געווען בית גרמו און בית אבטינס אז טראץ וואס זיי האבן געוואוסט חכמות האבן זיי דאס נישט אויסגעלערנט ווייטער מחשש אז איינער וועט דינען מיט דעם עבודה זרה.

דאס איז אוודאי א גוטע סברא און קריטיק אויף דעם וועג וויאזוי טעכנאלאגיע ארבעט היינט, עס איז אבער בסך הכל א תירוץ אויף צו קענען ווייטער טראכטן אז 'אפשר' האבן די קדמונים געוואוסט דערפון. למעשה אבער איז דער פשוט'ער פאקט אז זיי האבן נישט געוואוסט, און המוציא מחבירו עליו הראיה.

די צווייטע סברא פון דעם חזון איש איז אז 'מדרך הטבע להמציא הרבה ולהשכיח הרבה.' ער טענה'ט אז די טבע איז אז מער זאכן ווי מיר געדענקען פארגעסן מיר. ממילא, טענה'ט ער, איז מסתבר אז די קדמונים האבען גאר אויסגעטראפן פארשידענע טעכנאלאגיעס נאר ברבות הזמן איז עס פארגעסן געווארן. און דאס וואס מיר געדענקען נישט אז זיי האבן דאס געטון איז נאכנישט קיין באווייז אז זיי האבן עס נישט געוואוסט, נאר עס איז פארגעסן געווארן. ווי קהלת זאגט, 'יש דבר שיאמר ראה זה חדש הוא כבר היה לעולמים.' און אויב אזוי פארוואס זעט עס אויס ווי א פרישער חידוש? וויבאלד, 'אין זכרון לראשונים'.

דאס איז ווייטער אפשר א גוטער תירוץ, אבער ווייט נישט קיין הוכחה אז אז דאס איז טאקע געווען דער מציאות. צווייטנס, די סברא אליין איז מיר בכלל נישט פשוט. מהיכי תיתי אז זאכן זאלן פארגעסן ווערן מער פון וואס מען געדענקט. דאס וואס עס זענען לכאורה דא עטליכע אלטע טעכנאלאגיעס וואס מיר פארשטיין נישט היינט זענען דווקא דער יוצא מן הכלל, נישט דער כלל. און די סיבה פון זייער פארגעסונג איז על פי רוב א פאקטישע, אז די מדינה איז חרוב געווארן, וכדומה, און עס איז נישט אזוי אינטערעסאנט בכלל זיך צו דערמאנען ווייל מיר האט שוין א בעסערע טעכנאלאגיע און מען דארף נישט יענע. צום ביישפיל, קיינער דארף נישט היינט וויסן וויאזוי די אמאליגע עגיפטער האבן געבויט די מאסיווע פיראמידעס, ווייל מיר האבן שוין

מאשינען פאר דעם וואס קענען בויען פונקט אזוי גוט, און נאך פיל מער. דריטנס, אויב איז אמת דער סדר פון להמציא הרבה ולהשכיח הרבה, שטיין מיר היינט אין א שטוינענדער עליית הדורות אין דעם געביט אליין. ווייל פון דער אנהייב פון דער וויסנשאפטליכער רעוואלוציע איז נאך קיין איין חכמה אדער טעכנאלאגיע נישט פארגעסן געווארן. ווידער אויב גלייבן מיר דעם חזון איש איז ביז דעמאלט האט מען געהאלטן אין איין פארגעסן געוואלדיגע חכמות, איז דאך קלאר אז מיר לעבן היינט אין א געוואלדיגער תקופה פון עליית הדורות וואס מ'פארגעסט נישט קיין חכמות.

א דריטע סברא זאגט דער חזון איש, אז דער גאנצער חכמת האחרונים איז געבויט אויף די חכמת הראשונים, אויך אין חכמת הטבע. ער ברענגט א משל אז די פריערדיגע האבן מגלה געווען די אקסיגען און קארבען אין דער לופט, און שפעטער האט מען געבויט אויף דעם. לויט דעם, טענה'ט ער, אז די פריערדיגע זענען געווען פיל קליגער, וויבאלד זיי האבן אנגעהויבן פון גארנישט און אליין אויסגעפארשט די יסודות. און די שפעטערדיגע האבן שוין געהאט א לייכטערע ארבעט נאר נאכצוגיין די פרטים.

דאס איז אוודאי אמת אין א געוויסן זין, ווי מיר וועלן ווייטער ארומשמועסן דעם קאנצעפט פון 'ננס על גבי ענק'. אבער עס איז נישט קלאר אז דאס מאכט די פריערדיגע פאר קליגער דווקא. און וואס זאל דער שפעטערדיגער טון אז מען ווייסט שוין יסודות? צווייטנס איז בכלל נישט מדויק צו זאגן אז ווי פריער א וויסנשאפט איז באשאפן געווארן איז עס מער עוסק אין יסודות. אסאך מאל האבן די פריערדיגע געהאט א טעות אין די פשוט'ע יסודות, און אנדערע מאל האבן זיי בכלל נישט געוואוסט וואס די אונטערליגנדע יסודות וואס אויף זיי האבן זיי געבויט זייערע טעאריעס - א שטייגער ווי מאדערנער פיזיק און ביאלאגיע.

אויב ווילן מיר מסכם זיין, איז דער גאנצער חזון איש א ליסטע פון תירוצים, וואס שטימען דווקא נישט איינעם מיט'ן אנדערן. למשל דער געדאנק אז מען האט פשוט פארגעסן חכמות איז בסתירה מיט דעם געדאנק אז די קדמונים האבן בכוונה פארהוילן געוויסע חכמות. און דער געדאנק אז די פריערדיגע האבן געגראבן די יסודות פאר די שפעטערדיגע איז גאר ממש א סתירה מיט די ערשטע צוויי סברות. און די אלע דריי סברות אינאיינעם זענען א סתירה מיט דעם געדאנק (וואס מיר האבן מסביר געווען אין חלק א' אלס דער שורש פון דעם געדאנק, און דער הזו"א איז מרמז אויף דעם אין אנפאנג פרק ו) אז אלע חכמות זענען געווען בשלימות ביי אדם הראשון און פון דעמאלט פארגעסט מען נאר.

דארפן מיר בעסער פארשטיין, וואס ברענגט דעם חזון איש אויפצוקומען מיט אזעלכע דוחק'דיגע תירוצים? עס דוכט זיך אז די סיבה קען מען ארויסלערנען אין דעם אומפארענדיגטן פרק ו', און מיר זעען ענליך אין דעם בריוו וואס מיר האבן געברענגט אין חלק א'. וויבאלד דער חזון איש בויט זיין גאנצער טעאלאגיע אויף דער התגלות נביאית פון די פריערדיגע דורות, און אויף צו קענען גלייבן אין דעם האט ער געמוזט פארשטיין אז יענע דורות זענען געווען אומבאגרייפבאר בעסער און קליגער פון אונז אין יעדן הינזיכט. אנדערש האט זיך אים נישט געלייגט אויפ'ן שכל אז די גאנצע תורה זאל זיין געבויט אויף זייער קאפ און השגה אויב מיר האבן אפילו א מעלה אין חכמות חיצוניות איבער זיי. דאס גיט אונז צו פארשטיין ווי וויכטיג דער ירידת הדורות געדאנק קען זיין פאר א געוויסן מהלך אין אידישקייט. מיר האבן שוין אבער מרמז געווען



אין חלק ב' אנדערע מהלכים אויף דעם ענין פון ביטול נבואה וואס דארפן נישט אנקומען צו ירידת הדורות.

## די חכמה ווערט בעסער: הלכה כבתראי

פון דער אנדערער זייט טרעפן מיר שוין אין תורת הראשונים והגאונים א קעגנדיגער געדאנק. טראץ דעם וואס זיי נעמען אן אז אין עצם גדלות זענען די פריערדיגע טאקע געווען גרעסער, דאך האט די חכמה דווקא א פארקערט תכונה, אז ווי שפעטער עס איז ווערט עס קלארער און מער מבורר.

די סברא טרעפן מיר שוין אלס א קבלה פון די גאונים,[2] אז ווען מען טרעפט א מחלוקת פון א פריערדיגן מיט א שפעטערדיגן, איז דווקא די הלכה ווי דעם שפעטערדיגן. מיר טרעפן צוויי טעמים דערפאר: איינס, ווי דער לשון פון תוספות אין קידושין (מ"ה, ב', ד"ה 'הוה עובדה') "לפי שדקדקו יותר מן הראשונים להעמיד הלכה על בוריה." פשוט און קלאר, אז די שפעטערדיגע האבן בעסער און קלארער געלערנט. א צווייטער טעם זאגט דער רא"ש (סנהדרין פרק ד' סימן ו'), וויבאלד די שפעטערדיגע האבן דאך געוואוסט אויך דעם טעם און סברא פון די פריערדיגע, און האבן זיך גערעכנט מיט דעם, ממילא איז זייער הכרעה בעסער פשוט ווייל דער אחרון ווייסט די סברא פון דעם ראשון און דער ראשון ווייסט נישט די סברא פון דעם אחרון. עס קען זיין אז דער צווייטער טעם איז די סיבה פון דעם ערשטן טעם, דהיינו נישט סתם אז שפעטער האט מען אנגעהויבן בעסער און קלארער לערנען, נאר די קלארקייט איז טאקע געקומען א דאנק די טבע אז איין מענטש טראכט קיינמאל נישט אליין פון אלע צדדים פון אן ענין, ממילא דער ערשטער טראכט איין צד, שפעטער קומט א צווייטער און טראכט א צווייטער צד, ווייסט מען שוין צוויי צדדים. א דריטער קומט שפעטער און טראכט נאך א סברא, ווייסט מען שוין דריי סברות. ממילא קומט אויס אז ווי שפעטער מ'איז האט מען אלץ מער אינפארמאציע און מער סברות, און די הכרעה פון דעם אחרון צווישן אלע סברות טראגט מער וואג ווי דעם ראשון וואס האט נאר געהאט זיין אייגענע סברא.

דער יסוד קענען מיר שוין זען אין די גמרא וואו זי פרעגט (חולין ז ע"א), ווי קען זיין אז יהושפט האט געטראפן עבודה זרה מבער צו זיין, "אפשר בא אסא ולא ביערן וכו'." עס זענען דאך שוין געווען פאר אים מלכים צדיקים וואס האבן מבער געווען אלע עבודה זרה. נאר "מקום הניחו לו אבותיו להתגדר." פירט אויס די גמרא פון דעם "מכאן לתלמיד חכם שאמר דבר הלכה שאין מזיחים אותו, מקום הניחו לו להתגדר" - פון דעם לערנט מען אז א תלמיד חכם וואס זאגט א נייער חידוש, אפילו די פריערדיגע האבן דאס נישט געוואוסט, זאל מען נישט מזלזל זיין אין דעם, ווייל מקום הניחו לו. דער פשט פון דעם איז לכאורה פשוט ווי מיר רעדן, אז עס איז נישט במציאות אז איין מענטש זאל טראכטן פון אלעס, עס בלייבט אלץ בהכרח נאך צדדים און סברות וואס די שפעטערדיגע זאלן טראכטן. און דאס גיט א מעלה פאר די אחרונים איבער די ראשונים.

אזוי איז דער רדב"ז (שו"ת רדב"ז חלק ח' סימן קמ"א) אויך מסביר דעם כלל פון הלכה כבתראי, רעדנדיג פון א מחלוקת וואס ער האט



2) פאר די מקורות און סיכום הענין זעט 'אנציקלופדיה תלמודית' כרך ט, ערך 'הלכה כבתראי'.

געהאט מיט א פריערדיגן חכם, זאגט ער אז עס מוז זיין אז מען מעג זיך דינגען אויף פריערדיגע:

דאי לא תימא הכי לא הנחת מקום לאחד מן האחרונים שיתחדש שום חדוש ולא שום דקדוק לא סברא ולא גמרא. שנאמר לו אם אמת כאשר אתה אומר הראשונים היו מזכירין אותו, וזה אינו שאין הידיעה שלימה אלא למי שהשלמות שלו יתברך, וכיוצא בזה כתב רבינו אברהם ז"ל בחבורו כפיית אל עבדין, והעלה שאפילו המנהג שנהגו שנים רבות ונעשה בפני גדולים בעלי הוראה מבטלין ליה על ידי ראיות מהכתוב או מדברי רז"ל או מהשערה שכלית, לפי שראו האחרונים מה שלא ראו הראשונים ואין זה גרעון וחסרון בחוקם ולא הוצאת לעז עליהם חס ושלום, אלא לפי שהאחרונים ראו דברי הראשונים יבנו עליהם ויחדשו חדושים, והיינו דאמרינן הלכתא כבתראי. אף על גב דאז"ל [יומא ט' ע"ב] צפרניהם של ראשונים גדולה מכרסם של אחרונים, וכתבו בתוס' [קידושין מ"ה ע"ב ד"ה הוה] טעם לפי שדקדקו יותר מהראשונים להעמיד הלכה על בוריה ע"כ. תדע שהרי כל הגאונים האחרונים השיגו על אותם שקדמו להם וכן בכל דור ודור, ואין בזה גרעון בחכמת הראשונים.

זעען מיר אז אפילו אין חכמת התורה בהלכה איז דא א פארקערטער מושג, אז אפילו טאמער די מענטשן ווערן אפשר קלענער, ווערט די חכמה אלץ קלארער און קלארער. און דער תלמיד חכם וואס לערנט די תורה אין א שפעטערדיגן דור פארשטייט די הלכה בעסער פון די פריערדיגע וויבאלד ער האט שוין אויסגעבויט פאר זיך די אלע סברות פון אלע פריערדיגע. אין אנדערע ווערטער, די תורה ווערט דווקא בעסער און קלארער ווי שפעטער א דור.[3]

# תשובות הרי"ד: כננס על גבי ענק

נאך אן אויסדרוק פון דעם געדאנק טרעפן מיר אין דער 'תשובות הרי"ד', פון די פריערדיגע ראשונים. דער רי"ד דינגט זיך דארט שטארק אויף א הלכה פון דעם רי"ף, און פארענטפערט זיך אויף דער טענה אז ער טאר זיך נישט דינגען אויף פריערדיגע. זאגט ער אזוי (תשובות הרי"ד סימן ס"ב):

אני דן בעצמי משל הפילוסופים שמעתי מחכמי הפילוסופים - שאלו לגדול שבהם ואמרו לו: "הלא אנחנו מודים שהראשונים חכמו והשכילו יותר ממנו, והלא אנחנו מודים שאנו מדברים עליהם וסותרים דבריהם בהרבה מקומות, והאמת אתנו. היאך יכון הדבר הזה?!"

השיבם אמר להם: "מי צופה למרחוק, הננס או הענק? הוי אומר - הענק, שעיניו עומדות במקום גבוה יותר מן הננס. ואם תרכיב הננס על צוארי הענק, מי צופה יותר למרחוק? הוי אומר - הננס, שעיניו גבוהות עכשיו יותר מעיני הענק. כך אנחנו - ננסים רוכבים על צוארי הענקים, מפני שראינו חכמתם ואנו מעניקים עליה, ומכח חכמתם חכמנו לומר כל מה שאנו אומרים. ולא שאנו גדולים מהם."

דער משל וואס ער ברענגט איז א המחשה אויף דעם יסוד, אז הגם די מענטשן ווערן אפשר קלענער, ווערט די חכמה אלס בעסער, וויבאלד די חכמה בויט זיך אויף די חכמה פון די פריערדיגע, און דער אחרון הגם ער אליין איז א ננס, זעט ער דווקא בעסער פון דעם ענק אויף וועמענ'ס אקסלען ער שטייט. דער משל בשם חכמי הפילוסופים איז געווען טאקע נפוץ ביי די חכמי האומות אין דעם געגנט און תקופה פון דעם רי"ד, און ווערט דער ערשטער מיוחס צו דעם פילאזאף בערנארד פון שארטער אין פראנקרייך.[4] דער

3) עס איז וויכטיג קלאר צו מאכן אז דער כלל פון 'הלכה כבתראי' בויט זיך אויף אן אנדערן יסוד פון דעם רמב"ם וואס מיר האבן געברענגט אין חלק ב' אז אין לך אלא שופט שבימיך. דער רמב"ם רעדט אז די הלכה איז ווי דער היינטיגער אפילו ווען מיר זאלן וויסן קלאר אז ער לערנט שוואכער ווי דעם פריערדיגן, ווייל אין לך אלא שופט שבימיך. דער כלל פון די גאונים אז הלכה כבתראי זאגט דייקא אז די סיבה איז ווייל די אחרונים קענען טאקע בעסער לערנען, דהיינו עס איז נישט קיין כלל פון סמכות, נאר דייקא א כלל פון הכרעה בעצם הענין.

4) דער פילאזאף דזשאן פון סאליסבורי האט דאס נאכגעברענגט בשמו, בזה"ל:
[די בערנארד פון שארטער פרעגט זאגן אז מיר היינטיגע] זענען ווי קארליקעס ארויפגעשטעלט אויף די אקסלען פון ריזן [די אמאליגע], און דעריבער קענען מיר זען מער און ווייטער פון די פריערדיגע. און דאס איז

משל ווערט באנוצט ביז היינט צו מסביר זיין די אנטוויקלונג פון די חכמות, און איז נאך מער פאפולאריזירט געווארן בדורות האחרונים דורך אייזיק ניוטאן וועלכער האט געזאגט אין 1675, ״אויב איך האב געקענט זען ווייטער, איז עס דורך שטיין אויף די אקסלען פון די ריזן.״

# ׳יפתחון תרעין דחכמתא - בכל סוגי החכמה׳

מיט דעם אלעם וואס מיר האבן גערעדט ביז אהער פארשטייען מיר אז עס איז בעצם נישטא קיין חילוק צווישן דער חכמת התורה און חכמת הטבע. און קושיא מעיקרא ליתא. אמת אז דער מקור און די סיבה פארוואס מיר האלטן די תורה איז צוליב איר התחלה אין מעמד הר סיני, אבער לגבי לערנען און פארשטיין די תורה, די הלכה און דער נסתר דערפון, ווערט דאס טאקע בעסער און בעסער מדור לדור. און מיר זעען דאס טאקע אפילו אין הלכה אין דעם כלל פון הלכה כבתראי.

מען קען דאס זען אויך אין דער אנטוויקלונג פון לומדות און הבנה פון סוגיות אין נגלה. וואס אויב אין דער גמרא טרעפן מיר כמעט נישט קלאר קיין דיון אין סברות וואס מיר פארשטייען, זעען מיר בזמן הראשונים אביסל מער קלאר געמאכט יסודות הדברים און זייער סברא, נאך מער בזמן האחרונים, און ביז היינט ממש מיט דער אנטוויקלונג פון די ישיבה'שע און אנדערע מהלכים צו לערנען, וואס עס זעט יעדער אז איינער וואס לערנט גוט מיט דעם נייעם דרך הלימוד פארשטייט לאין ערוך בעסער און קלארער די גמרא ווי מען האט געלערנט אין פריערדיגע דורות. דא קענען מיר קלאר זען פאר אונזערע אויגן די עליית הדורות פון דער חכמת התורה כננס על גבי ענק.

נאך שטערקער פון וויאזוי מיר זעען דאס אין הלכה זעען מיר דאס אין חכמת הנסתר, דהיינו דער פנימיות פון טעמי התורה. אויב אין הלכה צו דער זייט פון דעם כלל הלכה כבתראי הערשט נאכאלץ דעם כלל אם הראשונים כמלאכים וכו׳, איז אין נסתר כמעט קלאר ביי אלע מקובלים אז דווקא אין די שפעטערדיגע דורות ווייסט מען און פארשטייט מען מער און בעסער די סודות התורה. אויף דער קבלה'דיגער שפראך הייסט דאס אז עס ווערט מער און מער נתגלה די פנימיות התורה ווי מער די צייט גייט דורך.

שוין אין זוהר זעט מען ווי ער רעדט פון דעם אז ׳בדרא בתראה יתגלה׳, אין דעם לעצטן דור וועט מער נתגלה ווערן טעמי תורה ווי עס איז געווען פריער. גאר א באוואוסטער שטיקל זוהר איז דא אין פרשת נח, וואו דער זוהר דרש'נט אויף דעם פסוק, ׳בשנת שש מאות שנה לחיי נח נפתחו ארובות השמים,׳ אז דאס מיינט אז אין שנת ת״ר לאלף השישי וועלן זיך עפענען תרעין דחכמתא, די טויערן פון חכמה. דאס הייסט דווקא אין דעם שפעטערדיגן זמן וועט זיך עפענען דער טויער פון חכמה מער פון פריער. על פי פשט ווי מיר רעדן איז דאס נישט דווקא א נבואה נאר דאס איז פשוט דער תהליך בדרך הטבע אז די חכמה ווערט מער און מער קלאר און אפן.



נישט צוליב דער שארפקייט פון אונזער ראייה אדער דאס געשטעל פון אונזער קערפער, נאר ווייל מיר ווערן געטראגן אויף ארויף און אויפגעהויבן דורך דער גרויסקייט פון די ריזן.

דער רמ״ק אויפן ארט איז שוין מדייק אין דעם זוהר אז דאס איז כולל סיי חכמות חיצוניות און סיי חכמת התורה און חכמת הסוד. פון דעם האבן פארשידענע אחרונים שוין מקשר געווען אז דער גרויסער ריבוי פון התחדשות אין חכמות חיצוניות בדורות האחרונים האט אויך צוטון מיט דער זעלבער פתיחה פון שערי החכמה. [ואכ״מ לברר כל

הצדדים והנוסחאות בזה, ועוד חזון למועד.]

איינער פון די שטערקסטע און קלארסטע הסברים אין דעם טרעפן מיר אין ספר 'לשם שבו ואחלמה' (ספר הדע"ה חלק א - דרוש ה סימן ג אות ד). דער לשם באציט זיך צו א קשיא, אז מיר טרעפן אסאך גרויסע סתירות אין דעם ענין פון סודות התורה. אמאל שטייט אז מען טאר עס בכלל נישט פארציילן, אמאל שטייט אז מען טאר נאר ביז א געוויסער מדריגה, אמאל שטייט אז מען טאר נאר ביז אן אנדערער מדרגה - איז וואס איז דער אמת? איז דער לשם מסביר אז עס איז נישט שווער, נאר אלעס איז תלוי ווען מען האט דאס געזאגט. אין פריערדיגע דורות וואס די וועלט איז נאך געווען אויף א קלענערע מדריגה, האט מען נאר געקענט מסביר זיין אזא מדריגה פון דעם סוד. ווי שפעטער וואס די וועלט איז נתעלה געווארן מער און מען פארשטייט שוין בעסער, האט מען זיך שוין געקענט ערלויבן צו מסביר זיין נאך טיפערע און טיפערע סודות. ווי א מקובל האט מיר אמאל ממחיש געווען, "אמאל איז געווען ממש א סוד אז עס זענען דא צען ספירות. היינט, וועלכער אינגל ווייסט דען נישט אויסצורעכענען די ספירות?" (דא הייבן מיר שוין אן צו זען אז ער האלט אז עס איז דא אן עליה אין דער עצם מדריגה פון די מענטשן אויך, נישט נאר אין דער התפתחות החכמה. עס איז שוין נישט געבליבן קיין פלאץ אין דעם חלק דאס אויסצושמועסן, וועט דאס מוזן בלייבן אויף חלק ד'.)

לענינינו, פארשטייען מיר דאס אויף דעם זעלבן אופן. אז די הבנה פון די סודות התורה ווערט אלץ בעסער און בעסער, וויבאלד יעדער דור בויט זיך אויף אלע פריערדיגע. ממילא, א זאך וואס בזמן המשנה, למשל, איז געווען א גרויסער סוד ווייסט דאס היינט יעדער חדר אינגל, און יעדער וואס וויל דאס לערנען קען דאס גרינג פארשטיין. און אזוי במשך די דורות זעען מיר אז דאס וואס איז אמאל געווען נעלם און שווער צו פארשטיין ווערט אלץ גרינגער צו פארשטיין. דער אריז"ל האט מסביר געווען מער פון דעם זוהר, און דער בעש"ט מער פון דעם אריז"ל, און אזוי ווייטער. דאס אלץ איז פשוט ווייל די חכמת התורה, פונקט ווי חכמות העולם, ווערט אלץ בעסער און בעסער.

שוין אין דער גמרא קענען מיר זען די אנטוויקלונג, ווי די גמרא זאגט אין ברכות (כ' ע"א):

> אי משום תנויי בשני דרב יהודה כולי תנויי בנזיקין הוה ואנן קא מתנינן שיתא סדרי וכי הוה מטי רב יהודה בעוקצין האשה שכובשת ירק בקדרה ואמרי לה זיתים שכבשן בטרפיהן טהורים אמר הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא.

דא זעען מיר שוין בזמן פון רב פפא האט ער געזאגט אז די מדרגת הלימוד איז פילפאכיג העכער אין זיין דור ווי אין דעם דור פון ר' עקיבא.

נאך א שארפערע גמרא טרעפן מיר אין מסכת שבת (ק"ד ע"ב):

> אמרי ליה רבנן לריב"ל אתו דרדקי האידנא לבי מדרשא ואמרו מילי דאפילו בימי יהושע בן נון לא איתמר כוותייהו.

עס זענען געקומען קינדער אין בית מדרש און האבן געזאגט אזעלכע חידושים וואס אפילו ביי יהושע בן נון האט מען נישט געזאגט אזעלכע געוואלדיגע חידושים. דא זעט מען אז אפילו אין אזא מרחק פון דורות קען נאך זיין אזוינע חידושים וואס אפילו דער ערשטער מקבל התורה פון משה רבינו, יהושע בן נון, וואס לא מש מתוך האהל, האט אויך נישט געהערט אזוינע חידושים.

צום שלוס, מיר האבן דורכגעטון דעם ענין פון דער חכמה זעלבסט, סיי חכמת התורה און סיי חכמת הטבע, צי ווערט זי שוואכער מדור לדור אדער גאר שטארקער. און מיר האבן געברענגט פון עטליכע שטארקע מקורות און שיטות וואס זענען טאקע מחלק, אז די מענטשן זענען טאקע קלענער און שוואכער געווארן אין לויף פון די דורות, אבער די חכמות זענען בעסער געווארן. מיר האבן אויך מסביר געווען פארוואס און וויאזוי דאס ארבעט.

אין דעם קומענדיגן חלק וועלן מיר אי"ה ברענגען פילע מקורות אויף נאך א גרעסערע זאך. אז נישט נאר די חכמת התורה ווערט בעסער, נאר די מענטשן ווערן טאקע אויך נתעלה מדור לדור, און טאקע אפילו ברוחניות. און מיר וועלן אפשר אויך צוקומען צו א מסקנה למעשה.